**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**איין יאר נאכן דורכפירן באדייטענדע האוזינג לעגיסלאציע, טוט גאווערנער האקול מעלדן אז א געשאצטע 350,000 הייזער זענען געווארן געבויט, אפגעהיטן אדער אויפגעשלאסן זינט זי איז איינגעשוואוירן געווארן**

***גאווערנער גייט ארום זען נייע אפארדעבל יוניט אין ברוקלין'ס גאוואנעס געגנט, וואו אומגעפער 8,500 הייזער זענען געראטעוועט געווארן דורכן גאווערנער'ס לאנדמארק האוזינג אפמאך; מער ווי 3,200 זענען שוין אויפן וועג***

***25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן פאר 100,000 אפארדעבל הייזער רוקן זיך פאראויס שנעלער ווי געפלאנט מיט מער ווי 60,000 אפארדעבל יוניטס געמאכט אדער אפגעהיטן***

***עפנט נייע [אנליין דעשבאורד] פארן פובליק צו קענען נאכקוקן פארשריט אויפן האוזינג פלאן***

***גאווערנער'ס פרא-האוזינג קאמיוניטיס פראגראם צו בויען מער האוזינג לאקאל דערגרייכט 300 באשטעטיגטע קאמיוניטיס***

***2026 פיזקעל יאר בודזשעט רעכנט אריין 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע סטעיט פינאנצירונג פאר האוזינג, אריינגערעכנט 1 ביליאן דאלאר צו פארזיכערן City of Yes און 750 מיליאן דאלאר פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס***

***געשאצט ביז צו 350,000 הייזער אויפגעשלאסן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז א סך הכל פון 350,000 האוזינג יוניטס לענגאויס די סטעיט זענען געווארן געבויט, אפגעהיטן אדער ווערן אצינד געבויט זינט זי איז איינגעשוואורן געווארן אין 2021. גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכט די מעלדונג בשעת זי איז געגאנגען קוקן א נייע אפארדעבל האוזינג יוניט אין ברוקלין'ס גאוואנעס געגנט ( Brooklyn's Gowanus neighborhood), וואו אומגעפער 8,500 הייזער זענען געראטעוועט געווארן דורכ'ן גאווערנער'ס לאנדמארק האוזינג אפמאך אינעם בודזשעט פון לעצטע יאר וועלכע האט אריינגערעכנט א פארלענגערונג פון די 421-a פארענדיגונג דעדליין. מער ווי 3,200 דירות אין גאוואנעס ווערן אצינד געבויט אדער ווערן פארענדיגט די יאר און אין סך הכל, זענען 71,000 הייזער לענגאויס די סיטי - פון וועלכע 21,000 זענען אפארדעבל הייזער וועלכע זענען פון פארדעם געווען א ריזיקע - געראטעוועט געווארן דורך די שריט.

"לעזן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס קומט אראפ צו איין פשוט'ע זאך: נוצן יעדע סטראטעגיע וואס מיר האבן צו ארבעטן אויפצובויען און אפהיטן הייזער פאר ניו יארקער," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דאס איז וואס מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן פאר, און דאס איז די סיבה פארוואס

מיר זעהן עכטע פארשריט אויף איניציאטיוון וועלכע העלפן מענטשן פון ניו יארק סיטי ביז ניאגרא פאלס האבן צוטריט צו האוזינג וועלכע זיי דארפן האבן כדי צו בליען. די ערפאלג פון אונזער האוזינג פלאן, די אייפער פאר די פרא-האוזינג קאמיוניטיס פראגראם (Pro-Housing Communities Program), און די יוניטס וועלכע מיר ראטעווען דורך די 421-a פארלענגערונג זענען בלויז עטליכע פון די וועגן דורך וועלכע מיר האבן אן עכטע ווירקונג אויף אונזערע פאמיליעס און קאמיוניטיס."

די מעלדונג קומט נאך גאווערנער Hochul'ס (האקול) 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן, וועלכע האלט פאראויס ווי געפלאנט מיט מער ווי 60,000 אפארדעבל הייזער געבויט אדער אפגעהיטן פאר די 100,000 ציל. ווי אויך, האט דער גאווערנער געמאכט א נייע אנליין דעשבאורד פאר די פובליק צו קענען נאכקוקן די פארשריט אויף האוזינג צילן. בויענדיג אויף איר פארשפרעכונג צו האוזינג, טוט די 2026 פיזקעל יאר בודזשעט ארייננרעכענען 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע פינאנצירונג פאר האוזינג לענגאויס די סטעיט און 750 מיליאן דאלאר פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס צו בויען מער האוזינג לאקאל.

**25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן דערגרייכט איבער 60,000 אפארדעבל הייזער פריער ווי געפלאנט**
דער גאווערנער'ס 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן האלט פאראויס ווי געפלאנט, און טוט איבערשטייגן 60,000 אפארדעבל הייזער געמאכט און אפגעהיטן פאר די 100,000 ציל. ניו יארקער קענען אצינד נאכפאלגן דעם פלאן'ס פארשריט אויף א נייע אנליין דעשבאורד וועלכע דער גאווערנער האט געעפנט, וועלכע מען קען צוקומען צו דא.

**פרא-האוזינג קאמיוניטיס באשטעטיגט 300 מוניסיפאליטעטן**
מער ווי 300 מוניסיפאליטעטן לענגאויס די סטעיט זענען געווארן באשטעטיגט אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פרא-האוזינג קאמיוניטיס פראגראם, וועלכע ערלויבט סיטיס, טאונס און ווילעדזשעס צו באקומען ביז צו 750 מיליאן דאלאר אין דיסקרעשענערי פינאנצירונג צו העלפן אויפשליסן מער האוזינג. צו ווייטער שטיצן לאקאלע רעגירונגען וואס טוען זייער חלק צו אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס, טוט גאווערנער Hochul (האקול) שאפן א 100 מיליאן דאלאר פראו-האוזינג סופליי פאנד פאר באשטעטיגטע פראו-האוזינג קאמיוניטיס ארויסצוהעלפן מיט קריטישע אינפראסטראקטשער פראיעקטן וואס פעלן זיך אויס צו שאפן נייע האוזינג, אזוי ווי אפפאל און וואסער אינפראסטראקטשער פארבעסערונגען.

אויך, צו העלפן פארזיכערן אז מער לאקאלע רעגירונגען וואס ווילן פאראויס-שטופן האוזינג וואוקס האבן די מעגליכקייט דאס צו טון, וועט גאווערנער Hochul (האקול) צושטעלן 5.25 מיליאן דאלאר אין נייע גרענט פינאנצירונגען צו אנבאטן טעכנישע הילף פאר קאמיוניטיס וואס זוכן צו שאפן האוזינג וואוקס און פארבינדענע מוניסיפאלע אנטוויקלונג.

**צושטעלן ניו יארק סיטי מיט סטראטעגיעס צו פארמערן האוזינג**
די בודזשעט רעכנט אריין 1.025 ביליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן ניו יארק סיטי מיט די סטעיט'ס געמיינזאמע ציל פון צולייגן נייע האוזינג סופליי. פינאנצירונג וועט שטיצן די סיטי'ס אינוועסטירונגען און דורכגעפירטע לעגיסלאציע וואס וועט ערמעגליכן זאונינג טוישונגען און אנדערע ערלויבטע שריט צו פאראויס-שטופן האוזינג אנטוויקלונג דורך די City of Yes פאר האוזינג געלעגנהייט פראגראם. די אינוועסטירונגען און טוישונגען אונטער די פראגראם ווערן געשאצט צו שאפן אדער אפהיטן מער ווי 80,000 הייזער.

**421-a פארלענגערונג טוט ראטעווען 71,000 דירות אין ניו יארק סיטי**
לעצטע יאר האט דער גאווערנער גענומען שריט צו פארלענגערן די בויעריי פארענדיגונג דעדליין פאר פראיעקטן אין די אפגעלאפענע 421-a פראגראם ביז 2031. די פארלענגערונג ווערט ערווארטעט צו שאפן 71,000 נייע הייזער אין ניו יארק סיטי, אריינגערעכנט 21,000 אפארדעבל דירות. דער גאווערנער

האט געקוקט א 421-a פראיעקט, 585 Union Street אין די גאוואנעס געגנט פון ברוקלין, און באזוכט א נייע איינוואוינער. דער דעוועלאפמענט ביי 585 Union Street באשטייט פון 224 דירות, און 58 דערפון זענען אפארדעבל פאר מענטשן מיט איינקונפטן וועלכע זענען פון 40 פראצענט ביז 130 פראצענט פון די עריע מידיען איינקונפט. די פארלענגערונג וועלכע דער גאווערנער האט געגעבן ערמעגליכט דעוועלאפמענטס ווי 585 Union Street וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט צו פארפעלן די בויעריי פארענדיגונג דעדליין צוליב פאקטארן ווי מארקעט אומסטאבילקייט נאך די פאנדעמיע זיך צו קענען פאראויס-רוקן אן אן אפהאלט.

**סטעיט סענעטאר Andrew Gounardes (ענדרו גאונארדס) האט געזאגט**, "עס איז נישט קיין סוד אז די הויכע קאסטן פון האוזינג טוט צושטערן ניו יארקער, און א הויפט טייל פון אדרעסירן די קריזיס איז דורך שאפן מער אפארדעבל האוזינג. די איניציאטיוון זענען קריטיש וויכטיג צו פארזיכערן אז ניו יארק איז א פלאץ וואו פאמיליעס קענען זיך ערלויבן אראפצולייגן צווייגן און בליען, און כאטש אונזער ארבעט איז ווייט פון פארענדיגט, בין איך שטאלץ פון די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט. מיר וועלן זיך נישט אפשטעלן ביז יעדע ניו יארקער האט א סטאבילע, אפארדעבל, זיכערע פלאץ צו וואוינען. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר וויכטיגע ארבעט אויף דאס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן